NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02044

MAYN ALEF-BEYS

Y. Kaminski

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. קאמינסקי

טייזא״ב

אילוסטרירט פון
נ. קאזלאווסקי

פארלאג:
ברידער קאמינסקי
ניו-יארק, נ. י.

א איציקל !

איציק, שפּיציק, פּיפּער־נאָטער,
דרייט דעם עק באַם שוואַרצן קאָטער.
מאַכט זיך פון פּאַפּיר אַ שווערדל,
נעמט דעם שטעקן פאַר אַ פערדל.

א

אַי, איז דאָס אַ איציקל

א איציקל

ב

בעקער.

בעקער, בעקער, קנעט אַ טייגל,
באק א קוכן, באק א בייגל,
באק אַ ברייטל, באַק אַ זעמל
און פֿאַרקויף דערנאָך אין קרעמל.

ב

באַק, באַק, בעקערל.

ב בעקער

גענדזל.

גענדזל, גענדזל, גאַ־גאָ־גאָק,
לייגט אונדז אייעלעך אַ שאָק.
פון די אייער פּיק־פּיק־פּיק —
ווערן גענדזעלעך צוריק.

גוט גענדזעלע



ג גענדזל

דריידל.

דריידל, דריידל, דריידל-בליי,
דריי זיך פלינק און דריי זיך פריי
אויפן טיש און אויפן דיל —
דריידל איז אַ לוסטיק שפּיל.

דריידעלע דרייקאַפּ.



ד דריידל

ח העזעלע.

העזעלע קורץ־נעזעלע
שפּייזט זיך מיט אַ גרעזעלע,
ציטערט פֿאַר אַ ווינטעלע,
שרעקט זיך פֿאַר אַ הינטעלע.

ח

שרעקנדיקער האָז.



ה העזעלע

וו וועלפל.

וועלפל, וועלפל, — שאַרפער צאָן!
וואַרפסט אויף אונדז אַ מורא אָן.
שרעקסט די קינדער אין די וויגן
און אין שטאַל די קי און ציגן.

וו

ווילד וועלפל.

װ וואלף

ז ז ע ג.

זיג־זאַג, זיג־זאַג, זעג אַ ברעט
פאַר אַ טיש און פאַר אַ בעט,
פאַר אַ שטול און פאַר אַ דאַך, —
ס'איז אַ זעג אַ גוטע זאַך.

ז

זעג, זעג, זעגעלע.



ז זעגל

חנוכה־לעמפּל.

חנוכה־לעמפּעלע ברען, ברען.
דערצייל וואָס אַמאָל איז געשען.
דערצייל אונדז פון חנוכה־נס
און פאַרוואָס דו ברענסט אַכט מעט־
לעת.

ברען, ברען, חנוכה־לעמפּל.

חנוכה-לעמפּל

ט י ב ע ל ע .

טייבל־טייבעלע מיין ווייסע, —
פלי אַראָפּ, דערציייל אַ מעשה.
איך וועל קערנדלאך דיר שענקען
און דיין מעשה לאַנג געדענקען.

טייער טייבעלע

ט טויב

יאַנקל.

יאַנקל־באַנקל, בול־בול־בול,
מאַכט אַ רייזע אויף אַ שטול.
מיט דער היטל אויף אַ זייט
פאָרט זיך יאַנקל ווייט־ווייט־ווייט.

יאַנקעלע שטיפער.



יאנקל

כינעזער.

אוי, כינעזער, לאַנגער צאָפּ,
נאַדיר רייז אַ פולן טאָפּ.
עס געשמאַק און עס אַ סך,
גיב אַ שמייכל, גיב אַ לאַך...

לאַך־לאַך, כינעזע־ל.

כ כינעזער

ל

לייטער.

לייטער, לייטער, ליגט אַ גרייטער,
ליגט אַ לאַנגער און אַ ברייטער, —
שטעל איך לייטער צו צום בוים,
רייס פון דאָרט אַראָפּ אַ פלוים.

ל

לאַנג לייטערל.

ל לייטער

מ מ י י ז ל .

מייזעלע־מייזל, מיזעלע־מויז!
זעט עס אַ פּאַסטקע מיינט עס סאַ הויז.
קריכט עס אַריין און קען ניט אַרויס, —
ווערט פון דעם אָרעם מייזעלע אויס.

מ

מייזעלע נעבעד.

מ מייזל

נאָדל.

נאָדעלע, נאָדל, שפּיציק און שאַרף,
דו נייסט פאַר מיר אויף אַלץ וואָס
איך דאַרף.
מאַכסטו מיר וואַרעם, מאַכסטו מיר שיין,
נאַקעט נאָר בלייבסטו, נאַקעט אַליין.

ניי, ניי, נאָדעלע.



נ נאדל

סטאָליער.

סטאָליער, סטאָליער, נעם דיין האַמער,
נעם דיין הובל און דיין קלאַמער.
מאַך אַ שליטן, מאַך אַ וואָגן —
כ׳וועל אַ גרויסן דאַנק דיר זאָגן.

פלייסיקער סטאָליערל.

ס סטאליער

ע נדיק.

ענדיק־אינדיק — דריי זיך אום!
הילדער־האַלדער, האַלדערדום.
בלאָז אין נאָז און בלאָז זיך אָן —
דאָס איז אַלץ וואָס דו קענסט טאָן!

ע

אַנגעבלאָזענער ענדיק.

ע ענדיק

פּ פּיקעלע.

פּיקעלע־פּיקל, פּויק־באַראַבאַן,
פּיקלט דער פּיקל בים־בירי־באַם.
פּיקעלעס קלאַפּן איז אַזוי זיס —
ס'הייבן צום טאַנץ אַליין זיך די פּיס.

פרײלעך פּיקעלע.

פּ פּייקל

פ פערדל.

פערדל־פערדל, פערדו־קאָפּ,
פֿלי אַרום אין אַ גאַלאָפּ
באַרג אַרויף און באַרג אַראָפּ, —
שטעל אין ערגעץ זיך ניט אָפּ.

פ

פֿינק פערדעלע.

פּ פערדל

צ ציגעלע.

ציג־אַ־מיג אַ־מיגעלע
גיט אונדז מילך אַ קריגעלע,
בעקעט, מעקעט, בעקעלע,
אין דער הויך דאָס עקעלע.

וואויל ציגעלע.



צ ציגעלע

ק קעצל.

קיצי־קעצל, קיצי־קאַץ —
עסט פון שיסל, נאַשט פון טאַץ,
לעקט פון טעלער, לעקט פון טאָפּ.
ווישט דאָס פּיסקל נאָך דעם אָפּ.

ק

קעצעלע נאַשערן.



ק קעצל

ר

רייף.

רייפל-רייפל, קייקל זיך.
קייקל זיך אַריין אין קיך,
פון דער קיך אַריין אין הויף —
קייקל קייקל זיך מיין רייף.

ר

רונד רייפעלע.



ר רייפֿל

ש שיפל.

שיפל, שיפל, זעגל־שיף —
שווימסט אויף ימען ברייט און טיף.
שווים מיין שיפל ווייט אַוועק,
נאָר צוריק קום צו מיין ברעג.

ש

שנעל שיפעלע.

ש שיפל

תּ תּ

תּיו תּיו תּיו
איז פון אלף־בית
דער סוף.

תּ

מער ניטאָ.

תּ
תּ

ערשטע אויפלאַגע: 1927
צווייטע אויפלאַגע: 1945

Copyright 1945
by J. KAMINSKY.
אַלע רעכט פאַרבאַהאַלטן.

Lithographed in the United States of America
by Litho-House, New York, N. Y.